בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת פינחס תשע"ז** **פרק א'** **גליון 417 [שנה ט']**

**פון וועמען האט פינחס געלערנט זיין מסירות נפש?**

פִּינְחָס בֶּן־אֶלְעָזָר בֶּן־אַהֲרֹן הַכֹּהֵן: (כה י') זאגט רש"י ד"ה פינחס בן אלעזר: לפי שהיו השבטים מבזים אותו, הראיתם בן פוטי זה שפיטם אבי אמו עגלים לעבודה זרה והרג נשיא שבט מישראל, לפיכך בא הכתוב ויחסו אחר אַהֲרֹן: רש"י איז געווען שווער פארוואס דארף מען אים דערמאנען ביז אהרן? מען וואלט אויך געקענט ענטפערן אז לכאורה נאר פינחס האט געטאן די גבורה אבער די תורה דערציילט פון וואנעט האט פינחס געלערנט אזא גבורה אין מסירת נפש? מוז דאס דאך קומען פון זיין טאטן אֶלְעָזָר און אויך זיין פון זיידן אַהֲרֹן דעריבער רעכנט אויס דער פסוק זיין יחוס ביז אַהֲרֹן, אז זייער כח איז אויך געווען אין דער מעשה. (תפוחי חיים – פאנעט אב"ד דעעש קארלסבורג)

**כנסת ישראל האבן געזאגט ברוך כבוד ה' ממקומו!**

פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי מֵעַל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקַנְאוֹ אֶת קִנְאָתִי בְּתוֹכָם וְלֹא כִלִּיתִי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל בְּקִנְאָתִי: (כה י') עס איז דא א מדרש בשעה שהרג פינחס לזמרי אמרה כנסת ישראל בָּרוּךְ כְּבוֹד ה' מִמְּקוֹמוֹ, עס איז א מדרש פליאה! נאר עס שטייט אין זוהר הק' אויפן פסוק ביי סדום אֵרֲדָה נָּא וְאֶרְאֶה (בראשית יח כא) וכי לא היה יודע הקב"ה, עד שהיה צריך לומר אֵרֲדָה נָּא וְאֶרְאֶה, והרי הכל גלוי לפניו? אלא אֵרֲדָה נָּא פירושו, ממדריגת הרחמים אל מדריגת הדין, דער ירידה. ואראה און זען מיינט, ראייה זו, היא להשגיח עליהם באיזה דין ידין אותם. איז מפרש דער זון פון של"ה הק' אין ספר וָוֵי הָעַמּוּדִים: וואו דער אויבערשטער זיצט אין זיין הייליגן פלאץ – מקומו– איז נאר דא גרויסע רחמים אבער אויב די שכינה דארף אראפקומען פון זיין הויכן פלאץ און זען וואס די רשעים האבן געטאן און וואס זיי צו שטראפן דעמאלטס איז דא דין ע"כ. דאס מיינט הֵשִׁיב אֶת חֲמָתִי, ווייל יעצט אז פינחס האט שוין געשטראפט זמרי און וועגן דעם וְלֹא כִלִּיתִי אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל, ממילא האט דער אויבערשטער געקענט בלייבן אין זיין הייליגן פלאץ אויבן, איז דעריבער האבן כנסת ישראל געזאגט בָּרוּךְ כְּבוֹד ה' מִמְּקוֹמוֹ. און ווייטער געבן רחמים פאר כלל ישראל. (ספר תַּקַּנְתָּא דְמֹשֶׁה, הר' שמרנהו ברלינער תקכ"ה בהסכמת השאגת אריה ור' חיים ראפפאפורט)

**ווי האט פינחס געמעגט שלאגן?**

הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת־בְּרִיתִי שָׁלוֹם: (כ"ה י"א) שטייט אין מדרש רבה (כ"א א) בדין הוא שיטול שכרו, שטייט אין ספר ים של שלמה פון מהרש"ל (ב"ק פ"ג סי' ט) אויב א מענטש וויל שלאגן זיין חבר וועגן אים אפצוהאלטן פון טאן א איסור, דארף ער זיין א אדם גדול און אויך וואס איז געוואוינט צו מוכיח זיין. און אזוי פסק'נט דער סמ"ע און די פרישה (חו"מ סי' תכ"א) יעצט וועז רש"י זאגט אז די שבטים האבן אים מבזה געווען און געזאגט "הראיתם בן פוטי זה שפיטם אבי אמו עגלים לעבודה זרה והרג נשיא שבט מישראל", קומט אויס אז זיי האבן געהאלטן אז פינחס האט נישט געמעגט שלאגן זמרי ווייל ער איז נישט א אדם גדול, דעריבער האט דער אויבערשטער אריינגעגעבן אין פינחס די נשמה פון נדב ואביהוא, איז שוין פינחס ביי די מעשה געווען נאך גרעסער פון משה און אהרן, און רש"י ד"ה הוא אֲשֶׁר־דִּבֶּר (ויקרא י ג) ברענגט דער מדרש (ויק"ר יב ב) אמר לו משה לאהרן אהרן אחי יודע הייתי שיתקדש הבית במיודעיו של הקב"ה והייתי סבור או בי או בך, עכשיו אני רואה שהם גדולים ממני וממך. האט משה דאן געזאגט פאר אהרן אויף נדב ואביהוא אז זיי זענען גרעסער פון אונז, דעריבער איז די תורה אים מייחס צו אהרן, ממילא איז ער א אדם גדול און ער מעג שלאגן צו אפהאלטן פון טאן א איסור. ווייל ער מיינט נישט זיין קנאות וועגן א שנאה נאר להשיב את חמתי, לשם שמים, דעריבער קומט אים אויך שכר. (תנופה חיים להק' ר' חיים פאלאז"י)

**איז דען דער דין פון יהרוג ואל יעבור ביי אלע איסורים?**

הִנְנִי נֹתֵן לוֹ אֶת־בְּרִיתִי שָׁלוֹם: (כ"ה י"א) שטייט אין מדרש רבה (כ"א א) בדין הוא שיטול שכרו, פרעגן אלע די קשיא עס איז דא א כלל פון שכר מצוה בהאי עלמא ליכא (קידושין ל"ט), איז ווי האט פינחס געקענט באקומען שכר? נאר עס שטייט אין שו"ע (יו"ד סי' קנ"ז)דער באוואוסטער מחלוקת פון רמב"ם און רבינו ירוחם ביי דעם דין פון דריי עבירות עו"ז גילוי עריות און שפיכות דמים וואס יהרוג ואל יעבור, וואס ווער זיין אויב איינער וויל מחמיר זיין ביי אנדערע עבירות? האלט דער רמב"ם אז מען טאר נישט און אויב ער לאזט זיך הרגענען, איז מתחייב בנפשו און האט א עבירה, אבער דער רבינו ירוחם און אנדערע פוסקים האלטן אז מען מעג מחמיר זיין, שרייבט דער רמ"א און דער ש"ך לדינא אז א אדם גדול לכו"ע מעג מחמיר זיין אפילו אויף א מצוה קלה עיי"ש. יעצט וואס פינחס האט זיך מוסר נפש געווען ביי זמרי וואס איז נאר הלכה ואין מורין כן, דאס מיינט מען קען נישט געבן א פסק הלכה ווען מען פרעגט, וועגן דעם האבן די שבטים אים מבזה געווען ווייל ער האט זיך מוסר נפש געווען ווען מען טאר נישט און לויט דעם רמב"ם איז מתחייב בנפשו, דעריבער איז די תורה אים מייחס צו אהרן, צו ווייזן אז פינחס איז א אדם חשוב און ביי א אדם חשוב זענען אלע מודה אז ער מעג מחמיר זיין, אפי' אויף א מצוה קלה, דאס מיינט דער מדרש בדין שיטול שכרו, וויבאלד ער האט געטאן א מסירות נפש אפילו ער איז נישט געווען מחוייב קומט אים שכר אויף דער וועלט. (קדושת יו"ט סיגוט)

## פרקי אבות פרק א

### שייכות פרשת פינחס מיט פרק א משנה י"א

הִלֵּל וְשַׁמַּאי קִבְּלוּ מֵהֶם. הִלֵּל אוֹמֵר, הֱוֵי מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַהֲרֹן, אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם, אוֹהֵב אֶת הַבְּרִיּוֹת וּמְקָרְבָן לַתּוֹרָה: (פרק א משנה יא) שטייט אז קריאה איז מעורר די זמן, און עס איז באוואוסט דער סימן פון נפ"ש, וואס דאס דערמאנט אונז ווען מען הויבט אן נאכאמאל לערנען פרקי אבות צווישן שבועות און ראש השנה. נו"ן איז נשא, פ"ה איז פינחס און שי"ן איז שופטים. קומט אויס אז מען לערנט פרק 24 וואכן, און מען קען געבן א סימן לויט וואס עס שטייט (תהלים עד כא) אַל יָשֹׁב "דַּךְ" נִכְלָם, כ"ד פעמים, קומט אויס אז די וואך פרשת פינחס הויבט מען אן פרק א' און אין משנה י"א רעדט זיך פון הֱוֵי מִתַּלְמִידָיו שֶׁל אַהֲרֹן וואס דאס מיינט אוֹהֵב שָׁלוֹם וְרוֹדֵף שָׁלוֹם, ממילא וואלט מען געקענט מקשר זיין די משנה צו פרשת פינחס וואס דער אויבערשטער האט אים געגעבן די שכר פון "בריתי שלום", וואס דאס איז די מדה פון אהרן, און טאקע וועגן דעם שטייט פִּינְחָס בֶּן אֶלְעָזָר בֶּן אַהֲרֹן הַכֹּהֵן בא הכתוב ויחסו אחר אַהֲרֹן. ווייל ער האט די זעלבע מדה פון אים. (שמח זבולון תשע"ז)

## מדור העובדות

# דער דרכי תשובה באזוכט ר' ישעי' מקערעסטיר זצוק"ל און טרעפט דארטן זיין צדיק

דער הייליגער צדיק ר' צבי הירש שפירא ממונקאטש דער מחבר פון דרכי תשובה, תפארת בנים שו"ת תפארת צבי און נאך, -די טאטע פון הגה"ק ר' חיים אלעזר זצוק"ל דער מחבר פון שן"ת מנחת אלעזר, חיים ושלום, נימוקי או"ח, שער יששכר און נאך אסאך ספרים- איז געפארן צו אסאך צדיקים זיי צו קענען פון דער נאנט. דער הייליגער דרכי תשובה האט זייער מקפיד געווען אז קיינער זאל נישט רעדן ביים טיש און מען זאל זיין שטיל די גאנצע צייט און אויב מען האט גערעדט האט ער שטארק געקלאפט אויפן טיש און עס איז געפאלן א שרעק אויף די וואס האבן גערעדט.

איינמאל איז אוים געקומען אז צוויי בחורים זענען געשטאנען ביים טיש און א געלעכטער האט זיך אוים געפלאצט ביי זיי אז זיי האבן נישט געקענט קומען צו זיך, און דער דרכי תשובה קלאפט און קלאפט שטארק אויפן טיש עס זאל זיין שטיל און צום סוף ווערן זיי שטיל. נאכן טיש האט דער דרכי תשובה זיי צו גערופן און געפרעגט פארוואס זיי האבן געלאכט? האט איינער זיך פארענטפערט אז ער לערנט אין ישיבה און יעצט בין הזמנים איז ער אהיים געקומען און זיין טאטע האט אים געבעטן העלפן אין זיין ארבעט, ער איז געווען א גאנצע וואך ביי די ארבעט וואס ער איז כמעט נישט געשלאפן אדער געגעסן און נעכטן אויפן וועג אהיים האט ער זיך אפגעשטעלט אין קערעסטיר וויסנדיג אז דארט איז שטענדיג דא וואס צו עסן.

עס איז שוין געווען נאך האלבע נאכט און ער האט אנגעקלאפט אויפן טיר און ר' ישעי' עפענט די טיר מיט זיין שלאף קאפל און צופלאטשעטער האר און בארד און האט אוים געקוקט זייער מאדענע און אים געגעבן עסן און א פלאץ זיך אפצורוהען יענע נאכט. אזוי איז ער אהיים געקומען קיין מונקאטש אויף שבת און איך האב דאס צענזע פון ר' ישעי' דערציילט פאר מיין חבר און מען האט זיך גענומען לאכן. רופט זיך אן דער דרכי תשובה ר' ישעי' האט נישט געטראכט אז איינער קומט נאך געלט אין מיטן נאכט, ער האט פארשטאנען אז איינער איז הונגעריג און עס איז נישטא קיין צייט זיך מאכן שיין.

דער סיפור האט זייער באנומען דעם דרכי תשובה און ער איז געפארן אויף ראש חודש קיין קערעסטיר זיך צובאקענען און זען די גרויסקייט פון ר' ישעי' ווייל חוץ פון זיין חסד איז ער געווען זייער באהאלטן! די סעודות ראש חודש ביי ר' ישעי' איז געווען א שם דבר און מען איז געקומען פון נאנט און ווייט צו זיין ביי די סעודה. פארשטייט זיך אז ר' ישעי' האט געזעצט דעם חשובן אורח, דער דרכי תשובה, אויבן אן לעבן זיך און אים מכבד געווען.

דער עולם האט זיך געוואשן און געזעצט אויף זייער פלעצער און ר' ישעי' מאכט א ברכה אויף זיין גרויסע חלה און שנייט דאס אין האלב און גריבלט אוים א גרויסע שטיק פון די ווייכע חלה און ווינקט און איז מרמז אז מען זאל שיקן די חלה פאר א עלטערער איד וואס איז געזעצן ביים ענדע טיש, דער דרכי תשובה וואונדערט זיך אויף אזא הפסקה פון די ברכה צום עסן און האט זיך נישט געקענט איינהאלטן און געגעבן א קלאפ אויפן טיש, צו מרמז זיין פאר ר' ישעי' אז עס איז דאך א הפסק! אבער ר' ישעי' מאכט זיך נישט צו טאן און ער האט געווארט ביז די חלה איז אנגעקומען צו יענער איד. און ערשט דעמאלטס האט ר' ישעי' געגעסן פון זיין שטיקל חלה און געטיילט פארן עולם פון די גרויסע חלה.

נאכן עסן די המוציא רופט זיך אן ר' ישעי': מונקאטשער רב האט זיכער געהארט וועגן די הפסקה, וועל איך אים דערציילן וואס איז דא געווען. ווען איך האב געמאכט דעם המוציא האט איך זיך ארום געקוקט דעם עולם און געזען דעם עלטערער איד איז בלַאס איז א סימן ער איז הונגעריג און ווען ער האט געגעניצט האט איך באמערקט אז ער האט נישט קיין ציינער, האב איך פארשטאנען אויב איך וועלווארטן ביז די חלה וועט אנקומען צום אים וועט שוין נאר זיין די הארטע פון חלה און ער האט דאך נישט קיין ציינער וועט ער נישט קענען עסן און חלילה ער וועט קענען אויסגיין פון הונגער!

האט אויסגעפירט ר' ישעי': מונקאטשער רב איז זענט א פוסק איז דאס דען אנדערש וואס די גמ' (ברכות דף מ ע"א) אז ר' ששת זאגט מען מעג מפסיק זיין ביי די ברכה און זאגן גביל לתורי -מען זאל לייגן די מורסן -שאלאכטס פון די ווייטס- אין וואסער פאר די אקסן זיי זאלן דאס קענען עסן, איז דען א איד ערגער פון א אקס! האט דער דרכי תשובה מפליא געווען אז ר' ישעי' איז געקומען מתקן זיין לפי שורש נשמתו די מדה פון הכנסת אורחים און ווי אזוי פון הימל האט מען צו געשטעלט אזא כח. וואס אסאך צדיקים זענען נישט זוכה צו אזא כח פון הימל, און האט אויסגעפירט אז עס איז קלאר ביי מיר ווען איך מאך א המוציא וואלט איך נישט באמערקט פונדערווייטנס א איד איז בלאס און אז ער האט נישט ציינער! אבער ר' ישעי' איז אזוי אוים געארבעט אין זיין מדת החסד האט מען אים באוויזן פון הימל די בלאסקייט פון איד און ער זאל פונקט עפענען זיין מויל און ר' ישעי' זאל דאס נעמען אין אכט, און אויך איז ביי מיר גאר חשוב ווי ר' ישעי' האט צו געשטעלט דער דין פון גביל לתורי וואס ווערט נישט דערמאנט אין שו"ע.

יעצט פארשטיי איך שוין ווי אזוי ר' ישעי' האט באקומען די כח צו זיין א פועל ישועות, ווייל ער איז א מושלם ביי די מדה פון גמילות חסדים נאר טאן טובות פאר אידן דעריבער טוט מען מיט אים חסד אין הימל און מען צוברעכט פאר אים די דרך הטבע כדי צו קענען העלפן אידן. דער דרכי תשובה איז פון דעמאלטס אן אסאך געפארן קיין קערעסטיר צו זיין ביים צדיק.

(עס איז דא פארשידענע גירסאות אין די מעשה אבער דאנפאנג פון די מעשה פון די צוויי בחורים וואס האבן געלאכט ביים טיש פון דרכי תשובה ווערט נישט געברענגט ערגעץ, דער גירסא געהערט פון הרה"ג ר' אברהם שפיטצער זצ"ל אב"ד קהל אורח חיים)

דעם קומענדיגן זונטאג כ"ב תמוז איז דער יארצייט פון הרה"ק ר' שלמה מקארלין זצוק"ל וואס האט צו געזאגט אז ער וועט מתפלל זיין פאר אידן אפילו ווען ער וועט גיין אויף יענער וועלט, און האט געזאגט ווען א איד וועט דארפן א ישועה זאל ער מזכיר זיין שלמה בן יוטא, און ער וועט אים העלפן זיע"א


**_הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן_**

_סעט חק לישראל דפוס סלאוויטא **$5500** שערי ציון דפוס זיטאמיר **$1600** מדרש רבה דפוס זיטאמיר, ספר זרע בירך דפוס ראשון מסוגל לשמירה, סידור חסד לאברהם מצב חדש מנטובא תקמ"א עפ"י האריז"ל **$5000**, חובת הלבבות שנת ש"ח מצב יפה רק חסר השער **$3000**,, סעט זוהר הק' דפוס זיטאמיר מצב יפה מכורך **3000$**, שו"ע או"ח דפוס זיטאמיר מצב מצויין ג' חלקים. תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר מצב מפואר **$8500**, תהלים עם ע"ט נדפס זיטאמיר של הסידור **$7500** א לאנגע גאנצע בריוו פון הייליגן חפץ חיים שטארקע תוכן ווינטשט אן ווער עס וועט העלפן **$22000**, ספר זוהר הרקיע להאריז"ל דפוס קארעץ, ספר מבוא שערים לר' חיים וויטאל דפוס קארעץ,_

**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: send to- pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday also on the web at _WWW.SEFORIMWORLD.COM_**

**Do Not Pay for Sheimos if you have good condition older seforim, We can also pick up for free on large quantities.**

פארוואס זאלט איר באצאלן געלט פאר שֵמוֹת? אויב איר האט ספרים נייע און אלטע קענט איר דאס אריינברענגן צו אונז בחינם.

אויב איר דארפט ספרים פאר אייער זוממער פלאץ קענט איר אונז בעטן און מיר וועלן אייך אוועקגעבן גענוצטע גוטע ספרים בחנם

קומט און ברענגט דעם גליון צו אייך אין די קאנטרי און זייט מהנה די רבים עס איז שוין פארטיג מיטוואך, א געזונטע זוממער